**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/19/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט רעזולטאטן פון אינפארסירונג אפעראציעס אויף ניו יארק סטעיט טרו-וועי געציהלט קעגן איבערחזר'נדע טאל פארלעצער און 'גייסט פּלעיטס'

***סטעיט פאליציי טרופּ T איינהייט האט דורכגעפירט דריי אינפארסירונג אפעראציעס; צוויי ביי Governor Mario M. Cuomo Bridge און איין אין באפעלאו דעם זומער בשותפות מיט טרו-וועי אויטאריטעט***

***טרופערס האבן קאנפיסקירט 140 קארן און געגעבן מער פון 700 טיקעטס דורכאויס אינפארסירונג אפעראציעס צו פארזיכערן פובליק זיכערהייט און האלטן פארלעצער פאראנטווארטליך***

***פארלעצער זענען שולדיג געווען נאענט צו $125,000 אין אומבאצאלטע טאלס און אנדערע באצאלונגען פאר טרו-וועי אויטאריטעט***

***טרו-וועי אויטאריטעט האט שוין ארויסבאקומען מער פון האלב, אדער אומגעפער $71,000, ביז היינט***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט פאליציי (New York State Police) טרופּ T איינהייט, בשותפות מיט די ניו יארק סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט (New York State Thruway Authority), האט קאנפיסקירט 140 קארן און געגעבן 711 טיקעטס נאכפאלגנדיג דריי אינפארסירונג אפעראציעס אויף די טרו-וועי שאסייען אין די לאָווער האדסאן וואלי און מערב ניו יארק ראיאנען, זיך קאנצענטרירנדיג אויף איבערחזרנ'דע טאל פארלעצער און 'גייסט פלעיטס'. דרייווערס וועלכע זענען אפגעשטעלט געווארן און וועמען'ס קארן זענען אוועקגעשלעפט געווארן זענען שולדיג נאענט צו $125,000 אין אומבאצאלטע טאלס און אנדערע באצאלונגען פאר די טרו-וועי אויטאריטעט. די אויטאריטעט האט זינט דאן ארויסבאקומען $71,000, זייענדיג 57 פראצענט פון די סך הכל חובות, פון 20 קאר אייגנטימער.

"מיין אדמיניסטראציע אינוועסטירט אין קריטישע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען וועלכע מאכן אונזערע שאסייען זיכערער און מער פארלעסליך, און דורכן זיך שטרענג באגיין מיט אומבאצאלטע טאלס און אנדערע באצאלונגען, מאכן מיר זיכער אז די פראיעקטן זעצן פאר צייטליכערהייט און זיך האלטנדיג צו די בודזשעט", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "בלויז 20 קאר אייגנטימער זענען אליין געווען פאראנטווארטליך פאר נאענט צו 60 פראצענט פון אומבאצאלטע טאלס אין די אינפארסירונג קאמפיין – געלט ווערנדיג ארויסגענומען פון אייערע קעשענעס – און אונזערע אינפארסירונג באמיאונגען ווערן דורכגעפירט צו האלטן די קאסטן נידעריגער פאר ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר, Frank G. Hoare (פרענק ג. האור), האט געזאגט,** "לאמיר זיין קלאר: מענטשן וועלכע נוצן פאלשע פלעיטס אדער שפילן זיך ארום מיט זייי

גנב'נען פון אלע רייזנדע אויף אונזערע שאסייען וועלכע באצאלן זייערע טאלס צו פארן אויף די 570-מייל-לאנגע טרו-ווײ סיסטעם. מיר זענען פארפליכטעט צו איינמאנען יעדע דאלאר וואס איז שולדיג פאר אונז, און אויב איר פרובירט זיך ארויסצודרייען פון באצאלן טאלס, וועלן מיר אייך טרעפן. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul'ס (האקול) שטיצע און פאר די שווערע ארבעט פון ניו יארק סטעיט פאליציי טרופּ T דורכאויס די אינפארסירונג אפעראציעס, און מיר פלאנירן צו דורכפירן נאך אפילו מער אפעראציעס כדי צו האלטן טאלס אפּאָרדעבעל און באשיצן די רייזנדע וועלכע באצאלן יא."

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופּעראינטענדענט, Steven G. James (סטיווען ג. דזשעימס), האט געזאגט,** "דורכן נוצן פאלשע, געגנב'טע און פארשטעלטע לייסענס פלעיטס, טוהען מענטשן נישט נאר פרובירן צו אויסמיידן פון באצאלן טאל, נאר זיי שטעלן אויך אין געפאר די זיכערהייט פון אלע וועלכע פארן אויף אונזערע שאסייען. אינפארסירונג קאמפּיינען פון די סארט שפּילן נישט נאר א קריטישע ראלע אין טראפיק זיכערהייט, נאר זיי ווייזן אז עס וועלן זיין קאנסעקווענצן פאר די וועלכע זאגן זיך אפּ פון באצאלן זייער יושר'דיגע חלק. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע שטיצע און די טרו-ווײ אויטאריטעט פאר זייער מיטגעטיילטע מיסיע צו זיכער מאכן אז די וועלכע באגייען די ארויסדרייענדע אקטן ווערן געהאלטן פאראנטווארטליך."

אריבער דאס לאנד איז געזעהן געווארן א מערקווירדיגע פארמערונג אין די באנוץ מיט שווינדלערישע אדער "גייסט" פלעיטס אין לויף פון די פארגאנגענע פאר יאר צו אויסמיידן קאמעראס וואס ווערן גענוצט צו אפּנעמען טאלס אן זיך אפּשטעלן. אין צוגאב, טוהען טייל דרייווערס בכוונה באדעקן, פארשטעלן און זיך ארומשפּילן מיט לייסענס פלעיטס, אדער נוצן "טעמפּ טעגס" צו דאס שווערער מאכן פאר קאמעראס און לייסענס פלעיטס סקענערס צו אידענטיפיצירן די קארן.

- אום דינסטאג, יוני 24, האט די סטעיט פאליציי אוועקגעשלעפּט 53 קארן פון דרייווערס וואס פארן אריבער די Governor Mario M. Cuomo Bridge (GMMCB), וואס פארבינדט וועסטשעסטער און ראקלענד קאונטיס, 24 פאר אומבאצאלטע טאלס און אנדערע באצאלונגען. טרופּערס האבן געגעבן 231 טיקעטס אלס טייל פון די אפעראציע, אריינרעכענענדיג 39 פאר לייסענס פלעיט פארלעצונגען.
- אום מאנטאג, יולי 21, האט די סטעיט פאליציי אוועקגעשלעפּט 61 קארן פון דרייווערס אריבערפארנדיג די GMMCB, 25 פארן זיך ארויסדרייען פון צאלן טאל. די אפעראציע האט געפירט צו 221 טיקעטס, אריינרעכענענדיג 40 פאר פלעיט פארלעצונגען.
- אום דינסטאג, אוגוסט 21, האט די סטעיט פאליציי אוועקגעשלעפּט 26 קארן פון דרייווערס אויף די I-90 אין באפעלאו, צוויי פארן זיך ארויסדרייען פון צאלן טאל. טרופּערס האבן געגעבן 259 טיקעטס אלס טייל פון די אינפארסירונג קאמפּיין, אריינרעכענענדיג 73 פאר פלעיט פארלעצונגען.

טרופּערס האבן זיך קאנצענטרירט אויף סוספּענדירטע רעגיסטראציעס, פילע פון וועלכע זענען סוספּענדירט געווארן פאר אומבאצאלטע טאלס אדער נישט האבן אינשורענס, פירנדיג צו די קאר ווערנדיג אוועקגעשלעפּט. אין צוגאב, האבן טרופּערס ארויסגעגעבן טיקעטס פאר שווינדלערישע און פארשטעלטע לייסענס פלעיטס און אזוי אויך פאר ספּידינג, נישט אנהאבן א סיטע בעלט, דרייווען בשעת'ן האלטן א סעלפאן, דרייוועען מיט אן אפּגעלאפענע דרייווער'ס לייסענס אדער אפּגעלאפענע רעגיסטראציע, צווישן אנדערע.

די סטעיט פאליציי טרופּ T האט אנגעפירט די אפעראציע, בשעת די טרו-ווײ אויטאריטעט'ס טראפיק זיכערהייט און אויפהאלטונג (Traffic Safety and Maintenance) מאנשאפטן האבן ארויסגעהאלפן מיט טראפיק קאנטראל.

**אסעמבלי מיטגליד William B. Magnarelli (וויליאם ב. מאגנארעלי) האט געזאגט,** "איך באדאנק די סטעיט פאליציי און טרו-וועי אויטאריטעט פארן פארשטערנגערן אינפארסירונג קעגן גייסט פלעיטס און זיך ארויסדרייען פון באצאלן טאל. די NYS טרו-וועי סיסטעם איז אנגעוויזן אויף טאלס צו זיכער מאכן אז די סיסטעם איז זיכער און פארלעסליך פאר אלע דרייווערס. זיך ארויסדרייען פון באצאלן טאל לייגט ארויף א גרויסע חלק פון די לאסט אויף געזעץ-אויספאלגנדע דרייווערס. צוגאבליכע שריט פון די סארט וועלן העלפן אנטמוטיגן די פראקטיקן און ארויסבאקומען פארלוירענע פארדינסטן."

**E-ZPass און טאלס דורך פאסט**
דרייווערס קענען זיך צוריקהאלטן פון פארלעצונג קנסות און רעגיסטראציע סוספענדירונגען דורכן באצאלן זייערע טאל בילס צייטליך, אדער דורך E-ZPass אדער דורך די פאסט (Tolls By Mail).

מיט א New York E-ZPass, פאסאנזשיר און קאמערציעלע וויהיקלס באקומען ביז א 75 פראצענטיגע דיסקאונט אויף ניו יארק סטעיט טרו-וועי טאלס (דיסקאונט ווערט נאר ארויפגעלייגט ווען E-ZPass NY טעג ווערט גענוצט). באזוכט [e-zpassny.com](https://e-zpassny.com) פאר מער אינפארמאציע אדער צו עפענען אן אקאונט. אויב איר האט נישט E-ZPass, ווערט א בילד פון די לייסענס פלעיט גענוצט צו שיקן א טאל ביל צו די רעגיסטרירטע קאר אייגנטומער נוצנדיג די אדרעס אויפן פייל ביי די DMV. איר קענט נוצן די אומזיסטע Tolls NY עפ צו קאנטראלירן אייער E-ZPass אקאונט אדער באצאלן אייער טאל ביל געשיקט דורך די פאסט.

טאל בילס ווערן געשיקט דורך די פאסט צו די קאר'ס רעגיסטרירטע אייגנטומער ביז 30 צו 40 טעג פון די רייזע נוצנדיג די אדרעס וואס איז אויפן פייל ביי די DMV. דרייווערס קענען זיך איינשרייבן צו באקומען טעקסט מעסעדזש אלערטס אויף [e-zpassny.com](https://e-zpassny.com) צו איינגעמאלדן ווערן ווען זייערע טאלס קענען באצאלט ווערן פריער. טאל בילס מוזן באצאלט ווערן ביז די דעדליין כדי צו פארמיידן צוגאבליכע באצאלונגען. אויב אומבאצאלט, ווערט א צווייטע ביל ארויסגעגעבן מיט א פארשפעטיגונג קנס פון $5. אויב עס איז ווייטער אומבאצאלט, ווערט די ביל א פארלעצונג וואס רעכנט אריין א $50 קנס פער איינמעלדונג און קען געשיקט ווערן צו קאלעקשענס נאך 30 טעג.

די טרו-וועי אויטאריטעט האט אויך אוועקגעשטעלט אן [אפיס פון דעם טאל באצאלער אדוואקאט (Office of the Toll Payer Advocate)](#) צו העלפן דרייווערס וועלכע קענען נישט לייזן פראבלעמען וואס זיי האבן מיט טאל פאר די טרו-וועי דורך די E-ZPass/Tolls By Mail קאסטומער סערוויס צענטער. דער אדוואקאט העלפט זיכער מאכן אז אלע טאל באצאלער באקומען יושר'דיגע באהאנדלונג וואס הערט זיך איין צו- און אדערסירט זייערע זארגן.

**איבער די טרו-וועי אויטאריטעט**
די גאווערנאר טאמאס אי. דוויי טרו-וועי, געבויט אין די פריע 1950 יארן, איז איינע פון די עלטסטע באשטאנדטיילן פון די נאציאנאלע אינטערסטעיט הייוועי סיסטעם (National Interstate Highway System) און איינע פון די לענגסטע טאל ראודס אין די לאנד. די אנהאלטונג און אפעראציע פון די טרו-וועי סיסטעם איז בעיקר פינאנצירט דורך טאלס. די טרו-וועי אטאריטעט באקומט נישט קיין באשטימטע פעדעראלע, סטעיט, אדער לאקאלע טעקס געלטער און ווערט באצאלט דורך די וואס פארן אויפן טרו-וועי אריינרעכנענדיג א דריטל פון דרייווערס פון אינדרויסן פון סטעיט.

אין 2024, האט די טרו-וועי אטאריטעט פראצעסירט מער ווי 400 מיליאן טאל טראנזאקציעס, און מאטאריסטן זענען געפארן 8.2 ביליאן מייל אויף די טרו-וועי. די אטאריטעט'ס 2025-2029 קאפיטאל פלאן טוט אינוועסטירן 2.7 ביליאן דאלאר אין אינפערסטראקטשער און געצייג, א געהעכערטע פארפליכטונג פון 742 מיליאן דאלאר אדער 38 פראצענט זייט די באשטעטיגונג פון א פיל-יעריגע טאל ענדערונג פלאן אין 2023. די געהעכערטע אינוועסטירונג וועט פירן צו ארבעט אויף אומגעפער 61

פראצענט פון די טרו-וועי'ס איבער 2,800 פעיוומענט ליניע מייל, ווי אויך די ערזעצונג אדער פארעכטונג פון 20 פראצענט פון די טרו-וועי'ס 819 בריקן.

די טרו-וועי איז פארערכנט צו זיין איינס פון די פארזיכערסטע שאסייען אין די לאנד מיט א פאטאליטאט ראטע פיל נידריגער ווי די אינדעקס פונעם לאנד, און טאל ראטעס זענען צווישן די נידריגסטע אין לאנד אין פארגלייך צו ענליכע טאל ראודס. די טרו-וועי'ס סטאנדארטיגע טאל ראטע פאר פאסאנזשיר קארן איז וויניגער פון $0.05 פער מייל, אין פארגלייך צו די אהייאו טוירנפייק ($0.06 פער מייל), די ניו דזשערסי טוירנפייק (ביז $0.39 פער מייל) און די פענסילוועניע טוירנפייק ($0.16 פער מייל).

די לעבנס פון טרו-וועי אטאריטעט איינגעשטעלטע, ראוד-וועי ארבעטער און עמערדשענסי ארבעטער זענען אנגעוואנדן אויף די אלע וואס פארן אויף דעם הייוועי. דרייווער זאלן בלייבן וואכזאם און צולייגן קאפ ווען זיי פארן, פארן שטייטער אין ארבעט פלעצער און זיך אריבעררוקן ווען זיי זעהן א וויהיקל אויף די זייט פונעם ראוד. די סטעיט'ס רוק זיך אריבער געזעץ וועלכע איז פארברייטערט געווארן אין מערץ 2024, פארלאנגט פון דרייווערס צו פארשטייטערן זייער פארן און זיך אריבעררוקן פאר אלע וויהיקלס וואס האבן זיך אפגעשטעלט לענגאויס די ראודוועג. זיכערהייט איז א געמיינזאמע פאראנטווארטליכקייט.

פאר מער אינפארמאציע, פאלגט נאך די טרו-וועי אויף פעיסבוק, X און אינסטעגרעם, אדער באזוכט די טרו-וועי וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן